אין אידיש

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

ערב יו"ט ראש השנה שנת תשפ"ה



מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

ישיבת רבי חיים עוזר » « 347-897-9968 \ 058-323-1459


בס"ד

# א געשריי פון טיפעניש פון הארץ - אין די טאג ראש השנה - איז די גרעסטע כח וואס איז נאר פארהאן!!!

### » וואספארא שייכות איז דא צווישן ראש השנה און יציאת מצרים?

**אין** די תפלה פון ראש השנה זאגן מיר "ותתן לנו ה' אלקינו את יום הזכרון הזה, יום תרועה מקרא קודש זכר ליציאת מצרים", און מען דארף פארשטיין וואספארא פארבינדונג איז דא צווישן די יו"ט ראש השנה אין יציאת מצרים, הניחא די די אנדערע ימים טובים, פון פסח שבועות סוכות, זיי זענען דאך מתוקן געווארן דירעקט כדי צו געדענקן די נסים ארום דאס ארויסגיין פון מצרים, אבער ראש השנה איז דאך פון אנהייב פון בריאת העולם די 'אנפאנג פון די יאר' אזוי ווי מיר זאגן קלאר 'היום הרת עולם', און זה היום תחילת מעשיך', איז אויב אזוי פארוואס זאגט מען אז ראש השנה איז א זכר צו יציאת מצרים (עס ווערט שוין דערמאנט אין די ראשונים די שאלה, עיין שבלי הלקט סי' רפ"ו, ועוד).

**און** כדי מסביר צו זיין דעם ענין, ווען מיר מקדים זיין קודם א געוויסע פונקט וואס מען דארף פארשטיין אין די פסוקים ווי עס ווערט דערמאנט די הסתלקות פון משה רבינו.

**אין** פסוק שטייט דארט (דברים לב, מח) וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה לֵאמֹר, און **רש"י הק'** שמועסט אויס, "אז עס איז דא דריי פלעצער אין די תורה וואו די תורה דריקט די פאקט אז עס איז געשעהן 'בעצם היום הזה', איינס איז ווען נח איז אריין אין די תיבה, ווייל עס זענען געווען גוים וואס האבן זיך גרויס געהאלטן און געזאגט אז זיי גייען נישט לאזן נח'ן אריינגיין אין די תיבה, און זיי ווען עס צוברעכן, דעריבער האט די באשעפער געזאגט איך גיי איהם אריינגעמען אין די תיבה פונקט אינמיטן טאג ווען יעדער איינער וועט זעהן, און לאמיר זעהן ווער עס וועט זיך דערוואגן איהם צו טוהן עפעס."

"**די** צווייטע פלאץ איז ביי יציאת מצרים, ווייל די מצרים האבן געזאגט אז זיי גייען נישט לאזן די אידן ארויסגיין פון מצרים נאר זיי ווען זיי אויסהארגענען, דעריבער האט די אייבערשטער געזאגט איך נעם זיי ארויס אינמיטן העלן טאג, און ווער עס וויל מוחה זיין זאל קומען מוחה זיין."

"**און** די דריטע פלאץ איז ביי די הסתלקות פון משה רבינו, ווייל די אידן האבן געזאגט, א מענטש וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים און האט אונז געשפאלטן די ים, און האט אונז אראפגעברענגט די מן און די שליו, און האט אונז ארויפגעברענגט די באר פון וואסער, און האט אונז געגעבן די תורה ווען מיר איהם נישט לאזן שטארבן', האט דער אייבערשטער געזאגט איך וועל דאס טוהן אינמיטן העלן טאג, וכו'." ביז דא איז די לשון פון רש"י הק'.

**און ר' חיים שמואלביץ זצ"ל** פרעגט אויף דעם, אז לכאו' איז זייער נישט פארשטענדליך, ווי אזוי האבן די אידן געפלאנט צוריקצוהאלטן דאס שטארבן פון משה רבינו, צו דען איז דאס שטארבן אנהענגאיג און א פעולה פון א בשר ודם.

### » די גרויסע כח פון א 'צעקה' פון טיפעניש פון הארץ

**מיר** זעען אין די פסוק ווי די באשעפער האט זיך באוויזן צו משה רבינו אין די סנה אז עס שטייט די לשון (שמות ג, ט) וְעַתָּה הִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָה אֵלָי, וְגַם רָאִיתִי אֶת הַלַּחַץ אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אֹתָם, און עס שטייט אין **זוהר הק'** אויף דעם (ח"ב דף כ.), אז עס איז באוואוסט אז עס איז דא צען לשונות פון תפלה, און די לשון פון 'צעקה' איז די גרעסטע פון אלע, ווייל צעקה איז אין הארץ, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איכה ב, יח) צָעַק לִבָּם אֶל ה' וגו', און דאס איז נענטער צום אייבערשטן ווי תפלה און אנחה וכו', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ועתה הנה צעקת בני ישראל באה אלי וכו'.

**נאך** שטייט דארט אין זוהר הק' אז צעקה איז אזוי גרויס אז קען צורייסן די גזר דין פון א מענטש פון א גאנץ לעבן! און אז האט א כח צו געוועלטיגן אויפן מדת הדין וכו' אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קז, ו) וַיִּצְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם, ע"כ.

**און** לויט דעם איז די **מלבי"ם** מסביר אין תהלים פרק ק"ז, אויף דעם וואס מען זעהט אז די פסוק טוישט ארום די לשונות ביי די פיר מענטשן וואס דארפן ברעגן א קרבן תודה, צוויי מאל שטייט די לשון 'ויצעקו', איינס ביי דער וואס גייט אין מדבר, און די אנדערע ביי דער וואס פארט אין ים, און ביי די אנדערע צוויי שטייט די לשון 'ויזעקו'. נאך א ענדערונג איז דא, אז ביי די צוויי וואו עס שטייען די לשון פון 'ויצעקו' פירט די פסוק אויס מיט די לשון פון 'יצילם' אדער 'יוציאם' וואס איז משמע א לשון פון א גאנצע רעטונג, דאגעגן ביי די אנדערע צוויי שטייט די לשון פון 'יושיעם' וואס מיינט א לשון פון העלפן אבער נישט א גאנאצע העלפונג.

**און** די מלבי"ם איז מסביר ווי פאלגענד: "די לשון 'צעקה' איז גרעסער און שטערקער ווי די לשון 'זעקה', און אז מען וועט אריינטראכטן וועט מען זעהן אז עס איז זייער מדוקדק, ווייל די צוויי וואס שטייען ביי זיי די לשון פון זעקה, זענען טאקע צוויי מענטשן וואס אפי' זיי שרייען זייער שטארק צום אייבערשטן ער זאל זיי ראטעווען, דאך שרייען זיי נישט מיט די גאנצע הארץ."

"**ווייל** די ערשטע וואס שטייט ביי איהם די לשון זעקה איז איינער וואס ליגט קראנק און בעט און שרייעט צום אייבערשטן אז ער זאל איהם אויסהיילן, און אזא איינער כאטש וואס ער שרייעט צום אייבערשטן, מיט דעם אלעם טיף אין הארץ טראכט ער אז ער האט צו זיין זייט גוטע דאקטוירים וואס קענען איהם אויסהיילן, דעריבער פארלאזט ער זיך נישט אינגאנצן אויפן אייבערשטן, און דעריבער איז זיין געשריי צום אייבערשטן אויך נישט בשלימות, און דעריבער איז זיין ישועה אויך נישט בשלימות, און עס איז נאר אין א בחי' פון 'יושיעם', די באשעפער העלפט איהם, אבער נעמט איהם נישט אינגאנצן ארויס פון די צרה."

"**אזוי** אויך איז ביי איינער וואס זיצט אין תפיסה, וואס כאטש ער בעט דעם אייבערשטן זאל איהם ארויסנעמען פון דארט, מיט דעם אלעם טיף אין הארץ טראכט ער אז דער עסקן און יענער עורך דין וועט שתדלן פאר איהם, און איהם העלפן ארויסגיין, דעריבער איז אויך זיין תפלה צום אייבערשטן נישט בשלימות, דעריבער שטייט אויך ביי איהם די לשון פון 'יושיעם'."

"**דאגעגן** איינער וואס פארט מיט א שיף און די וואסער פאנגט אן צו באז'עווען אדער איינער וואס גייט אין מדבר און טרעפט זיך אן קיין עסען, אדער ארומגענומען מיט חיות אדער רויבער, אין אזעלכע פעלער, האט נישט דער מענטש קיין שום נאטורליכע וועג ארויס פון זיין קלעם חוץ פונעם איינציגן באשעפער, דעריבער אין אזעלכע פעלער פארלאזט ער זיך אינגאנצן נאר אויפן אייבערשטן, און זיין געשריי צום אייבערשטן איז אויף די העכסטע און טיפסטע בחי' פון 'צעקה', און דעריבער אין אזעלכע פעלער נעמט איהם טאקע דער אייבערשטער ארויס אינגאנצן, דעריבער שטייט די לשון 'יוציאם' אדער 'יצילם'." עכתו"ד.

### » די כוח פן די תפלת ראש השנה איז למעלה מדרך הטבע!

**מען** קען זעהן די געוואלדיגע כח וואס ליגט אין די תפילות פון ראש השנה פון א בפירוש'ע הלכה אין **גמ'** (ב"מ דף קו.) ווי די גמ' זאגט, אז איינער וואס האט געגעבן זיין פעלד פאר זיין חבר עס אויסצוארבעטן און איינזייען מיט ווייץ, און די חבר איז געגאנגען און עס איינגעזייעט מיט גערשטן, און עס איז געקומען א שטורעם ווינט און אויסגעריסן די גאנצע פעלד, דארף זי ארבעטער באצאלן פאר

די בעל הבית, כאטש וואס לכאו' איז נישט קיין שום נפקא מינה וואס מען האט איינגעזייעט, ווייל אפי' ער וואלט יא געפאלגט די בעל הבית אין איינגעזייעט ווייץ וואלט בדרך הטבע די שטורעם ווינט דאס אויך אויסגעריסן, מיט דעם אלעם זאגן חז"ל אז ער איז מחויב צו באצאלן "ווייל די בעל הבית קען זאגן פאר ארבעטער, ווען די וואלסט איינגעזייעט ווייץ קען זיין אז עס וואלט מקוים געווארן ביי מיר די פסוק 'ותגזר אומר ויקם לך'", און רש"י הק' איז מסביר, 'ותגזר אומר, וואס די וועסט בעטן פון די באשעפער וועט ער טוהן, און איך האב נישט געבעטן אז מען פעלד זאל מצליח זיין מיט גערשטן, נאר מיט ווייץ', ביז דא איז די וואונדערבארא ווערטער פון די גמ'.

**נאך** די קלארע ווערטער פון חז"ל הק' דארף מען שוין גארנישט צולייגן אויף דעם, ווייל מען זעהט קלאר אין דייטלעך, אז חז"ל הק' האבן געגעבן רעכט פאר א יעדן איד, נישט קיין חילוק אין וועלכע רוחניות'דיגע מצב ער איז, אפי' ער איז א פשוט'ע פויער וואס ארבעט אין פעלד - אז ער קען טענה'ן אז ווען איך וואלט מתפלל געווען אויף דעם ראש השנה וואלט די באשעפער מיר געהאלפן, אז אפי' אלע פעלדער ארום זענען חרוב געווארן פון א שטורעם ווינט, קען זיין אז מיין תפלה וואלט יא אנגענומען געווארן און מיין פעלד וואלט נישט קאליע געווארן!!!

### » אויב וועקט מען זיך אויף מיט א פחד צום אייבערשטן קען מען זיין פארזיכערט ארויסצוגיין זכאי ביים דין

**אין** די טעג פון ראש השנה, שפירט א מענטש א פחד, אבער אט דער פחד קען צוהעלפן אז זיינע תפילות זאלן ארויסקומען פון טיפעניש פון הארץ, אזוי ווי מיר זעען אין גמ' (ר"ה טז:) אז "א יעדע יאר וואס איז ארים ביים אנפאנג, איז רייך ביים סוף", און **רש"י הק'** טייטשט דארט "'אז עס איז ארים פון אנפאנג' מיינט צו זאגן, אז כלל ישראל מאכן זיך ארים ראש השנה, צו רעדן צום אייבערשטן מיט תחנונים און תפלה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק תַּחֲנוּנִים יְדַבֶּר רָשׁ (משלי יח, כג)".

**און ר' חיים פריעדלענדער** האט מדייק געווען (אין א בריוו וואס ער האט געשריבן סוף ימיו, וואס האט בשעתו געמאכט א געוואלדיגע רושם), אז חז"ל זאגן נישט אז מען מאכט זיך 'כאילו' מען איז ארים, נאר מען מאכט זיך ארים, דאס מיינט, אז מען מאכט זיך באמת ארים, דורכן זיך מתבונן זיין אז מיר זענען באמת נישט ראוי פאר גארנישט, און אז מען איז איינערקענט אז אלעס וואס מען האט באקומען ביז היינט איז אלעס געווען ריינע חסדים און רחמנות פונעם אייבערשטן צו אונז, און אז יעצט ראש השנה איז מען דן צו מיר זאלן נאכאמאל באקומען אויף א גאנץ יאר די אלע חסדים, ווייל א יעדע יאר דארף מען פרישע חסדים און רחמנות, און ווען גייט צו צו ראש השנה מיט אזא הכרה, דעמאלטס ווערט מען טאקע רייך צום סוף, ווייל דעמאלטס איז מען מתפלל אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**אבער** מיר האבן שוין געלערענט פון די ווערטער פונעם גרויסן חסיד דער הייליגער **רבינו יונה**, ווי ער שרייבט אויפן משנה (באבות ב, יג) 'וכשאתה מתפלל אל תעש תפלתך קבע, אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא', דעם פאלגענדן לשון: "...דער מענטש זאל זאגן זיין תפלה אזוי ווי אן ארימאן וואס בעט זיך ביים טיר עפעס וואס ער דארף, וואס דעמאלטס רעדט דער ארימאן מיט תחנונים, און נישט אזוי ווי א מענטש וואס בעט סתם עפעס א 'לוקסאס', וואס מען קען הערן אויפן קול אז ער דארף עס נישט אמת'דיג האבן, נאר ער בעט מיט א שטיל קול און מיט אן אמת'ן צובראכענע הארץ, ווי ער בעט זיך אויף זיין לעבן וכו'."

**און** רבינו יונה איז ממשיך און שרייבט: "ווייל א יעדע מענטש דארף צוקומען צו רחמים און רחמנות פונעם אייבערשטן, און אפי' ער געפונט זיך אין א צייט וואס עס גייט איהם גוט, דארף ער אבער וויסן אז דאס איז ווייל דער אייבערשטער איז מאריך אף, און האט רחמנות אויף איהם, אבער נישט ווייל ער איז אזא גרויסע צדיק, דעריבער דארף א מענטש זיך שטענדיג איינבעטן ביים אייבערשטן, אז ער זאל איהם ח"ו נישט פארלאזן וכו'", עכ"ל.

### » פארוואס האט דער ארימאן נישט אויפגעהערט צו קלאפן!!!

**מיר** זאגן ביי סליחות די נוסח 'לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך', דאס הייסט, 'מיר קומען נישט מיט קיין שום גוטע מעשים פאר דיר וואס אין זכות פון דעם זאלסטו אונז העלפן, נאר מיר קומען קלאפן ביים טיר ווי ארימעלייט און שלעפערס'.

**און** לכאו' איז זייער שווער דאס צו פארשטיין, וואס איז די הוה אמינא אז דער אייבערשטער וועט אויסהערן אונזער תפילה און אונז געבן א סליחה מחילה וכפרה אויב מיר האבן נישט קיין שום זכות, צו דען אזוי קומט מען זיך בעטן אויף רחמנות, לכאו' וואלט מען געדארפט זאגן פארן רבונו של עולם, 'מיר האבן פראבירט צו טוהן גוטס, צו לערנען און צו דאווענען לויט אונזערע כוחות, אבער נישט אלעמאל האבן מיר מצליח געווען, מיר האבן דאך א שווערע יצר הרע, אבער מיט דעם אלעם האבן מיר געוואלט, מיר האבן פראבירט, דעריבער העלף אונז', אבער קומען זאגן מיט א גלאטקייט מיר האבן גארנישט, וואס איז פשט פון אזא תפילה.

**נאר** פשט פון דעם איז, ווייל עס איז דא צוויי מיני שלעפערס, איינער איז אן עני ואביון, וואס נעמט צוזאם צו א פרוטה נאך א פרוטה, גייט פון איין טיר צום אנדערן, געוויסע מענטשן עפענען יא, און געוויסע האקן איהם צו די טיר אין פנים אריין און צו געבן אפי' איין פרוטה, אזא מענטש איז אנגעזאפט מיט יסורים און מוטשעניש, און זאפט איין זיינע בזיונות, און גייט וויטער.

**דאגעגן** איז דא א צווייטער סארט ארימאן, וואס זיין מצב איז אסאך ערגער פון די אנדערע ארימעלייט, ער האט ממש נישט קיין לחם לאכול, אזא איינער, לו ייצור אז עס וועט זיך מאכן אז ער וועט נישט טרעפן קיין עסן אפאר טעג, זייענדיג אין וואלד אדער עפעס אנדערש, און פלוצלונג וועט ער זעהן עפעס א הייזקע אינמיטן וואלד, און ער וועט זיך מיט די לעצטע כוחות צושארן צום בודקע, און לו ייצור מען וועט איהם נישט אפמאכן די טיר, און מען וועט איהם ארויסשרייען פון פענסטער אז ער זאל צוריקקומען אביסל שפעטער, וועט ער שטיין דארט און האקן און האקן מיט זיין לעצטע כוחות אן אויפהער, ווייל ער ווייסט אז אויב ער וועט ער נישט טרעפן קיין עסן ביז אפאר מינוט גייט ער נישט בלייבן קיין לעבעדיגער.

**דאס** זעלבע - האט רבי נפתלי אויסגעפירט - איז מיט אונז, ווען מיר קומען זיך בעטן צום רבונו של עולם ער זאל אונז מוחל זיין, זאגן מיר איהם, רבונו של עולם, מיר געפונען זיך אין אזא טיפע בלאטע און מיר זענען אזוי ארים מיט אונזערע מצוות, אז אויב די וועסט אונז נישט אויפמאכן די טיר, וועלן מיר פשוט שטארבן, און נישט קענען ממשיך זיין, דעריבער מוז ער אונז אויסהערן און מקבל זיין אונזערע תפילות. און ווען מען עקשן'ט זיך אזוי שטארק, נעמט דער אייבערשטער טאקע אן די תפילות.

"...ווען מיר קומען זיך בעטן צום רבונו של עולם ער זאל אונז מוחל זיין, זאגן מיר איהם, רבונו של עולם, מיר געפונען זיך אין אזא טיפע בלאטע און מיר זענען אזוי ארים מיט אונזערע מצוות, אז אויב די וועסט אונז נישט אויפמאכן די טיר, וועלן מיר פשוט שטארבן, און נישט קענען ממשיך זיין..."

### » די שורש פון די כח פון 'צעקה' איז נתגלה געווארן ביי יציאת מצרים

**און** לויט ווי מיר האבן אויבן געזעהן, איז די גאנצע כח פון 'צעקה' נתגלה געווארן ביי די אידן אין מצרים, אזוי ווי עס שטייט אז דער אייבערשטער האט געזאגט "ועתה הנה צעקת בני ישראל באה אלי וגו'", און אזוי ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע זוהר הק', און דורך די כח פון די 'צעקה' האט די אייבערשטער אראפגערעכנט פון די שווערקייט פון די שיעבוד, און זיי אויסגעלייזט.

**אזוי** איז אויך ראש השנה, ווייל מיר ווייסן אז ספרי חיים און ספרי מתים זענען אפן פארן רבונו של עולם, און דאס אונז מעורר אז אזוי ווי אין מצרים זענען די אידן אויסגעלייזט געווארן דורך די כח פון תפלה און די 'צעקה', וואס דאס האט געהאט די כח צו צוברעכן די גזירה פון די ברית בין הבתרים, אזוי אויך א יעדע יאר ראש השנה, ווען מען מאכט זיך ארים און מען איז מתפלל ווי אן ארימאן מיט תחתונים, דורך דעם פועלט מען א געוואלדיגע ישועה, און מען קען זיין פארזיכערט אז די באשעפער וועט מאכן נסים אזוי ווי עס איז געווען ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים.